# דאָקטאָר יאכנעטשיק

שמייכעלט די יונגע אלמנה און זאָגט :

— אויב איך ליעב אייך ?... אפשר יא און אפשר ניט... דאָס וועל איך אייך זאָגען אויפ'ן ניי־יאָהר'ס באָל.

— פאַרוואָס ניט היינט ? פאַרוואָס ניט איצט ?

און זיין קול קלינגט אַזוי פערליעבט, און זיינע אויגען קוקען אויף איהר מיט אַזאַ געבעט, אַז מען זעהט בעשיינפערליך, ווי עס געהט ביי איהם אויס דער חיות נאָך איהר.

מאַכט זי אַ טרויעריגע מינע, די יונגע אלמנה, און זאָגט שטיל :

— איהר ווייסט דאָך, אַז ערשט נעכטען איז געוואָרען אַ יאהר זייט „מיינער" איז געשטאָרבען... לאָזט מיך כאָטש זיך ווי געהעריג אָן איהם פערגעסען... ער איז דאָך געווען אייערער אַ פריינד... ער האָט דאָך אייך אַזוי ליעב געהאַט... און ווי ער האָט מיך געליעבט ! — לעגט זי צו מיט אַ שווערען זיפץ און טהוט זיך אַ קעהר מיט אַ פולען, רונדען, ווייסען פּנים, מיט די בלויע טיעפע אויגען צום שפּיעגעל, צו זעהען, ווי „געהט" צו איהר די דאָזיגע טרויעריגע מינע, און זי בלייבט צופריעדען...

פיהלט ער, אַז ער, אַן אויסשטודירטער דאָקטאָר, (הגם נאָך אָהן אַן אָפּיס און פּראַקטיק) מוז האַנדלען, ווי אַ געבילדעטער, ציוויליזירטער מאַן... דאַרף איצט אויך מאַכען אַ פּאַסענדע טרויעריגע מינע ; ווייל, ערשטענס, איז זי טרויעריג ; צווייטענס, ווייל דער פערשטאָרבענער מאַן איהרער, אייזענבערג, איז טאַקע געווען זיינער אַ נאָהענטער פריינד, וואָס האָט איהם אַ סך מאָל אונטערשטיצט מיט געלד, בעת'ן שטודירען, — און ער לאָזט אַראָב דעם קאָפּ מיט אַ היבשען פּליך אויפ'ן סאַמע מח, און אויף זיין לאַנג, מאָגער פּנים, מיט שפּיציגע אַרויסגעשטאָרצטע באַקען, אַ שפּיציג, שיטער, בלאָנד בערדעל, לעגט זיך אַוועק אַ פער'צרה'טע מינע, און זיין לאַנגע נאָז ציהט זיך אויס



לענגער, מיט דעם שפּיץ כמעט איבער די אויבערשטע דיקע בלאָנדע וואָנצע, און זיינע ליפּען שטאַמלען, בעגלייט פון אַ טרויעריגען זיפץ :

— יע, יע־ע־עס־ס !...

און וואָס אָט דער דאָזיגער טראַגישער „יעס" מיינט, ווייסט אפשר גאָט אין הימעל, ער, אונזער העלד, זיכער ניט...

טהוט זיך אַ קעהר צו איהם די יונגע אלמנה פון שפּיעגעל און, דערזעהן ווי ער שטעהט אַזוי, אַ בילד פון קומער און טרויער, אויסגעבויגען מיט זיין מאָגערען, שפּיציגען קערפּער, מיט דער שיינענדער „האַלבער לבנה" אויפ'ן שפּיץ מח, און מיט דער לאַנגער, לאַנגער נאָז, דערפיהלט זי אַן עקעל צו איהם און זי טראַכט :

— אַ בראָך איז צו מיר, אָט דער נבזה, אָט די מיאוסקייט וויל, איך זאָל מיט איהם הייראַטהען !.... און איז נאָך אַ דאָקטאָר, אַזאַ מיאוס'ע בריאה !... וואַרט, וואַרט אויף דעם ניי־יאָהר'ס באַל, אַז מיר וועלען דער־לעבען... זאָל ער דערווייל מיינען, זאָל ער דערווייל זיין פערליעבט... וואָס האַרט עס מיך ?... איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים ער וועט דאַן האָבען !...

און זי פיהלט, די יונגע אלמנה, אַז אָט, אָט וועט זי זיך צולאַכען אויפ'ן קול איהם אין פּנים אַריין, און זי קעהרט זיך אָב פון איהם און הייבט אָן צו הוסטען און צו הוקען מיט דעם האַלז, וואו דאָס קיצעלדיג געלעכטער איז ביי איהר שטעהן געבליעבען...

אַ ווײַלע איז שטיל. ער שטעהט נאָך אַלץ מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און טראַכט, ווי אַזוי פיהרט ער זי אַרויף אויף דעם פריהערדיגען געשפּרעך וועגען זיין ליעבע צו איהר און געפינט ניט קיין וועג און אויסרייד.

זי שטעהט האַלב אָבגעקעהרט פון איהם, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ בלאָנדען, שעהנעם קאָפּ, שטיקט אין זיך דאָס געלעכטער און טראַכט : „גוואַלד, ווען וועט ער שוין אַוועקגעהן, די אָנשיקעניש ! !"... דאַן דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט ניט קיין ריכטיגען שוואַרצען קאָסטום, צו געהן אויף דעם ניי־יאָהר'ס באָל, און ער קלערט ביי וועמען לייהט מען עטליכע דאָלאַר אויף אַ קאָסטום...

אויפ'ן סוף רייסט ער איבער דאָס שווייגען :

— איז סאַשינסקי איצט אין שאָפּ? *)

ביי דיעזען נאָמען טהוט זיך די יונגע אלמנה א טרייסעל, טהוט זיך א כאַפּ צו איהם מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען, און אויף איהרע ווייסע באַקען צוגיסט זיך א פייערדיגע פאַרב...

— הא?... סאַשינסקי? — פרעגט זי צומישט — יא, ער איז אין שאָפּ. וואָס דאַרפט איהר איהם?

—איך דאַרף איהם. — ענטפערט ער און דערלאַנגט איהר די האנד.

— אלזאָ, קומענדיגען זונטאג אויפ'ן ניי־יאהר'ס באל... געדענקט! — שטאַמעלט ער — איך האָב נור מורא, אז ביז יענער צייט וועל איך משוגע ווערען!...

זי שמייכעלט און ענטפערט:

— ווערט נור ניט גלייך משוגע, דאָקטאָר יאַכנעטשיק!

און אז זי רופט איהם „דאָקטאָר“, איז ער זיך פשוט מחיה... אז זי זאָל נור דאָס געדענקען, איז שוין גוט... וועט זי זיכער מיט איהם התונה האָבען...

און ער שרייט אויס מיט א טיעפען, טיעפען געפיהל:

— אוי, איהר זייט דאָך אזא... אזא... אזא...

און אז עס פעהלען איהם אויס ווערטער פון גרויס התפעלות, טהוט ער א כאַפּ אָן איהרע וייכע, וואַרעמע הענד און קושט זיי מיט פייער און ענט־ציקונג. און איהר דאכט זיך בשעת דעם, ווי א מייזעלע וואָלט זיך געריבען מיט פייכטע, קאַלטע וואָנצעס אָן איהרע הענד, און מיט פערשצעעמטע צייהן רייסט זי זיי ארויס פון זיינע...

ער געהט אוועק, זי ציהט אָב דעם אָטהעם און צולאכט זיך אויפ'ן קול:

— אוי, עס איז אזוי קאָמיש! מען דאַרף גאָר ניט געהן אין קיין טהעאַטער!..

* * *

אין א האלבע שטונדע ארום לויפט דאָקטאָר יאַכנעטשיק איבער וואוסטער סטריט, לויפט צוטראָגען, טיעף פערטהאָן אין זיינע געדאַנקען. ער איז

---

*) פאַבריק.



גליקליך, דאָקטאָר יאַכנעטשיק, זעהר גליקליך... ער האָט א שעהן ווייב מיט א רייכען געשעפט, א שאָפּ וואָס איז ווערטה א צעהן טויזענד אודאי...

א רייכען אָפּיס האָט ער־און דוקא אפטאון צווישען די רייכע „יאהודים“... מיט די דאון־טאונער אידישע פאַציענטען וויל ער ניט האָבען קיין מגע ומשא. זיי לאָזט ער איבער פאַר די דאון־טאונער דאָקטוירים'לעך... זיין פרייז איז צוויי דאָלאַר א וויזיט... און פאַרוואָס ניט דריי? און פאַרוואָס טאַקע ניט פינף?... זיי זיינען עפּעס חולה צו צאָהלען, די יאַהודים! און ווידער, וואָס מעהר מען לאָזט זיך צאָהלען פאַר א וויזיט, אַלץ גרעסער איז דער דאָקטאָר... הא, ער וועט שוין וויסען, ווי צו פיהרען די ביזנעס, זאָל ער נור פריהער מיט איהר הייראַטהען... און זי וועט מיט איהם הייראַטהען, דאָס איז ער זיכער... פאַרוואָס ניט?.. ער איז א דאָקטאָר... מיט וואָס איז ער ערגער פון איהר פריהערדיגען מאַן, פון דעם העמדען־פאַבריקאַנט? יעדע פרוי וויל בעסער א דאָקטאָר פאַר א מאַן, איידער א ביזנעסמאַן!...

און מיט דיעזע געדאַנקען בלייבט ער שטעהן נעבען א שאָפּ, וואָס געהערט צו דער יונגער אלמנה, און וואו זיין גוטער פריינד סאַשינסקי איז פאָרמאַן. *)

ער הייבט אָן צו געהן אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען אין שאָפּ. פון אויבען הערט זיך א רוישען און זשוזשען פון א סך מאַשינען. דאָקטאָר יאַכנעטשיק טראַכט:

— אין א פּאָאר וואָכען ארום וועט דער דאָזיגער שאָפּ געהערען צו מיר!...

און דאָס הארץ צאַפּעלט זיך ביי איהם.

אריינגעגאַנגען אין שאָפּ, קומט איהם אנטקעגען סאַשינסקי — א הויכער, שלאַנקער, שטאַרקער יונגערמאַן, מיט אָן אנגענעהם אויסדרוקספאָל פנים, קלוגע, לעבעדיגע קאַרע אויגען, שוואַרצינקע וואָנצעס, פערדרעהטע מיט די שפּיצען ארויף, און מיט א שוואַרצען געקרויזטען קאָפּ.

— העללאָ! — מאַכט צו איהם סאַשינסקי — ווי קומסט עפּעס אהער? און זיינע קלוגע אויגען קוקען אויף דאָקטאָר יאַכנעטשיק פערוואונדערט.

— איך וויל דיך זעהן. — ענטפערט פרעהליך דאָקטאָר יאַכנעטשיק, און

---

*) מייסטער.

זיין קול ווערט פערטרונקען אין דעם רוישען און זשוזשען פון די מאַשינען — ווי דאָ פילדערט! — לעגט ער צו.

— איבער הונדערט מאַשינען ארבייטען דאָ, קיין וואונדער, אז עס איז אזא רעש. — בעמערקט סאַשינסקי.

— איבער הונדערט מאַשינען?! — טהוט זיך א כאַפּ דאָקטאָר יאכנעטשיק, און עס פערנעהמט איהם אזש דער אָטהעם פון אויפרעגונג — איבער הונ... הונ...

ער קוקט זיך ארום אויף דעם ווייטען שאַפּ, אויף די מיידלעך וואָס זיצען איינגעבויגט איבער די מאַשינען, אויף די לאַנגע טישען, פערוואָרפענע מיט ארבייט, אויף דעם מורא'דיגען אייזערנעם ראָד, ארום וועלכען עס דרעהט זיך מיט א דומפּפען געפילדער א געוואלדיג־גרויסער, ברייטער רימען, און ווידער אויף די מאַשינען און הייבט זיי אָן אין זיינע געדאַנקען צו צעהלען...

אויפ'ן סוף רייסט זיך ביי איהם ארויס:

— סאַשינסקי, וויפיעל אַן ערך איז ווערטה די ביזנעס?...

— איבער א 20 טויזענד... פאַר וואָס? ווילסט אפשר אָבקויפען?

— פרעגט סאַשינסקי מיט א גוטמוטהיג שמייכעלע.

— צוואַנציג טויז... צוואַנציג? — שטאַמעלט דאָקטאָר יאכנעטשיק, און פון גרויסער אויפרעגונג נעהמט ער אראָב דעם הוט פונ'ם קאָפּ און טהוט זיך אַזש א גלעט דעם פּליך אויפ'ן שפּיץ מח: — צוואַנציג טויז...

— דו דאַרפסט מיך הפּנים זעהר נויטיג, ווען דו ביזט געקומען אין שאַפּ?

— מאַכט דאַן סאַשינסקי.

דאָקטאָר יאכנעטשיק טהוט זיך א כאַפּ:

— יא, זעהר נויטיג, זעהר! — מאַכט ער, רעדענדיג שנעל. און פּלוצים טהוט ער א כאַפּ אָן סאַשינסקי'ן פאַר די הענד און רעדט ארויס מיט א זעהר בעוועגטער שטים:

— סאַשינסקי, איך געה חתונה האָבען און, ווייסטו, מיט וועמען? מיט דיין בעל־הבית'טע!

סאַשינסקי קוקט איהם אָן פריהער צומישט, באַלד אָבער הייבען אָן זיינע אויגען צו שמייכלען גנב'יש און ער מאַכט:

— מזל טוב! ווען איז אייער חתונה

—אָט אויף דעם ניי־יאָהר'ס באַל וועלען מיר אַלצדינג בעשטימען...



— אזוי, אויף דעם ניי־יאָהר'ס באַל? — מאַכט ביטרע סאַשינסקי און דרעהט די שפּיצען פון זיינע וואָנצעס — נו, נו, זאָל זיין מיט מזל!...

— וועסטו מיר לייהען א גמילת חסד? — ווענדעט זיך פּלוצים צו איהם דאָקטאָר יאכנעטשיק.

— א גמילת חסד?... וואָס איז? קיין פּראַקטיק איז נאָך אַלץ ניטאָ?... פאַרוואָס זעהסט ניט צו קריגען עטליכע פּעראַיינען?

— הא, ווער וויל זיך דאָס מיט זיי פּיאַטשקען! נאָך דער חתונה וועל איך עפענען אַן אָפיס אין א רייכען געגענד. לייה מיר א פערציג דאָלאר... איך וויל זיך א שווארצען קאָסטום מאַכען... צום ניי־יאָהר'ס באַל... פערשטעהסט, דאָרט וועט זי זיין און...

— הא? — מאַכט סאַשינסקי און צולאַכט זיך — מאַך זיך ניט קיין שווארצען קאָסטום... זי וועט דיך וועלען אָהן דעם אויך...

— רעד קיין דומהייטען, סאַשינסקי!... נור אויף א פּאָאר וואָכען לייה מיר!

— איך האָב קיין געלד ניט... איך וואָלט מיט פערגעניגען געליהען מיין צוקינפטיגען בעל־הבית, איך האָב אָבער ניט...

— נו, און פינף און צוואַנציג? — פרעגט מיט היץ דאָקטאָר יאכנעטשיק.

— אויך ניט.

— אדיע! — שרייט אויס דאָקטאָר יאכנעטשיק מיט פערדראָס אין קול און לויפט ארויס.

* * *

קומט אָן דער אבענד פונ'ם באַל, ערב ניי־יאהר, דאָקטאָר יאכנעטשיק האָט איהם קוים דערלעבט... ער האָט זיך אויסגעפּוצט ווי א פּראַנט... א נייעם קאָסטום האָט ער זיך טאַקע געמאַכט... דער שניידער האָט איהם געבאָרגט... ער וועט איהם בעצאָהלען... ניש־קשה, ער איז גוט געלד... זיין צוקינפטיגע האָט געננוג! צוואַנציג טויזענד! גאָטוניו, צוואַנציג, צוואַ־אַ־נ־צ־י־ג טויזענד דאָ־אלער! אזא אוצר! צוואַ־אַנ־נ... טויז... טויז... מען מוז גיך לויפען אויפ'ן באַל...

ער האָט אריינגעטהאָן א רויטע בלום אין קנאָפּלאָך פון לאַץ און איז אוועק מאַרש אין גרענד סענטראַל פּאַלאַס, וואו דער באַל איז פאָרגעקומען.

* * *

געקומען אהין, לויפט ער צו צום קאסע, נעהמט א בילעט, פאַרגעסט צו בעצאָהלען פון צוטראָגענקייט, שטעהט דאָרט א פּאָליסמאַן נעבען קאסע, קעהרט ער איהם אום און הייסט בעצאָהלען.. בעצאָהלט ער, ווערט צומישט, פערגעסט צו נעהמען דעם אויסגאָב, לויפט צו צום מאַן וואָס שטעהט און נעהמט די בילעטען, גיט איהם אָב דעם בילעט, לויפט אויף די טרעפּ, אום אָבצוגעבען די קליידער און, לויפענדיג, טרעט ער ארויף אַן אַלטער פרוי אויף א פוס... כאַפּט זיך אָן יענע פאַר'ן פוס, הינקט און זידעלט איהם... ווערט ער נאָך מעהר צומישט, פיהלט, אז דער פנים פלאַמט ביי איהם, לויפט ווייטער, שנעלער און טרעט ארויף א יונגער פרוי אויף דער שלעפּע פונ'ם קלייד... הייבט אָן די יונגע פרוי אויף איהם צו שרייען, און ווען ער דערגרייכט אויפ'ן סוף דעם פּלאַץ, וואו מען גיט אָב די קליידער, איז ער אין גאַנצען פערשוויצט און פיהלט זיך, ווי אַן אָבגעשמיסענער חדר־אינגעל...

אָבגעגעבען די קליידער, סטאַרעט ער זיך צו בערוהיגען, ווישט אָב דעם שוויים פון שטערן, שטעלט זיך געגען שפּיעגעל, פעררינט אויף זיך דעם קראַגען, דעם האַלזטוך, פערגלעט די פּאָאר הערעלעך ארום פּליך, פעררינט זיך נאָך די בלום אין לאַץ און, פערלעגט איין האַנד הינטער דער טאַליע פון זיין נייעם פרינץ אַלבערט, נעהמט ער אָן בלומרשט א רוהיגע מינע און געהט אין זאַאל, וואו יענע וואַרט שוין אודאי אויף איהם...

אין זאַאל איז ליכטיג... א פרעהליכער עולם באָדט זיך אין עלעקטרישע שטראַהלען... מוזיק שפּיעלט... א געמורמעל פון אַלע זייטען... א גערעדער מער. ער קוקט זיך ארום אויף אַלע זייטען — וואו איז זי? דאָ רעדט מען און דאָרט טאַנצט מען — וואו זוכט מען זי?

ער נעהמט געהן ווייטער, זוכט זי צווישען דעם טאַנצענדען עולם... פּלוצים דערהערט ער הינטער זיך איהר קול:

—העפּפּי ניו ייר, דאָקטאָר! *)

ער טהוט זיך א כאַפּ — זי!

זי שטעהט אין א ווייס, זיידען קלייד, א הויכע, א שעהנע, א שטראַהלענ־

*) א גליקליכער ניי־יאָהר, דאָקטאָר!



דיגע, מיט א בוקעט בלומען אין די בלאָנדע האָאר, קוקט אויף איהם גנב'יש און שמייכעלט.

און נעבען איהר, האַלטענדיג זי אונטער'ן אָרעם, שטעהט סאַשינסקי, אויסגעפּוצט מעשה פראַנט, קוקט אויף איהם און שמייכעלט כיטרע.

וואונדערט זיך דאָקטאָר יאַכנעטשיק, שטעלט אויס אויף זיי א פּאָאר גרויסע אויגען און טראַכט: „ווי קומט עס, וואָס סאַשינסקי האַלט זיך מיט איהר אזוי פאַמיליאַר?“

און פּלוצים שלאָגט איבער די יונגע אלמנה זיינע געדאַנקען:

— דאָקטאָר, — זאָגט זי — איך האָב אייך פערשפּראָכען צו געבען היינט אַן ענטפער, ווייל איך האָב געוואָלט אייך מאַכען א סורפּריז: אייער פריינד סאַשינסקי איז מיין צוקינפטיגער מאַן... גראַטולירט מיך!...

— הא?!

— קום טאַנצען, ליעבער! — זאָגט די יונגע אלמנה, און סאַשינסקי טהוט זי א כאַפּ ביי דער טאַליע און טראָגט זיך אַוועק מיט איהר, לאַכענדיג...

און דאָקטאָר יאַכנעטשיק'ן דאַכט זיך, אז דער גאַנצער זאַאל מיט אַלע מענשען טראָגען זיך פאַרביי איהם, טראָגען זיך און דרעהען זיך, און לאַכען, לאַכען פון איהם, פון איהם...

אויגוסט, 1904.